# דעם רבינ'ס מעשיות

סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת
מֵרַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב
זיע"א

הַמַּעֲשֶׂה עִם הַבְּחִינוֹת
בִּלְשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ - וְאִידִישׁ

מעשה ט'
מחכם ותם (3)
גליון 58


## שַׁבַּת שָׁלוֹם קוֹרְאִים יְקָרִים!

**לְאַחַר שֶׁרַבֵּנוּ ז"ל** מְסַפֵּר לָנוּ בַּאֲרִיכוּת עַל דַּרְכֵי הַתָּם וְהֶחָכָם, כְּדֵי שֶׁנִּלְמַד מֵאֵיזוֹ דֶּרֶךְ לְהִתְרַחֵק וּמִמִּי לִלְמֹד וְלִשְׁמֹר, לַעֲשׂוֹת וּלְקַיֵּם, נִכְנַס הַמֶּלֶךְ לַתְּמוּנָה. **"וְנִתְאַוָּה הַמֶּלֶךְ לִרְאוֹתָם"**- הַמֶּלֶךְ מְרַמֵּז עַל מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא. בְּעוֹד יָמִים סְפוּרִים, בִּימֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַקְּדוֹשִׁים, נִצְעַק **"הַמֶּלֶךְ"** בְּקוֹל גָּדוֹל וְנַמְלִיכוֹ עָלֵינוּ, כְּמוֹ שֶׁאוֹמְרִים בִּתְפִלַּת רֹאשׁ הַשָּׁנָה **"מְלֹךְ עַל כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ בִּיקָרֶךָ..."** וְאוֹתוֹ מֶלֶךְ גָּדוֹל וְנוֹרָא רוֹאֶה אֶת מַעֲשֵׂינוּ וּמַבִּיט עַל אָרְחוֹתֵינוּ וְשׁוֹלֵחַ לָנוּ רְמָזִים בְּכָל מִינֵי דְּרָכִים, כְּדֵי שֶׁנִּתְקָרֵב אֵלָיו, כְּמוֹ שֶׁרַבֵּנוּ ז"ל מְגַלֶּה לָנוּ: **"שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מְצַמְצֵם אֱלֹקוּתוֹ מֵאֵין סוֹף וְאֵין תַּכְלִית עַד נְקֻדַּת הַמֶּרְכָּז שֶׁל עוֹלָם הַגַּשְׁמִי שֶׁהָאָדָם עוֹמֵד עָלָיו. וּמַזְמִין לְכָל אָדָם מַחֲשָׁבָה דִּבּוּר וּמַעֲשֶׂה לְפִי הַיּוֹם וּלְפִי הַמָּקוֹם וּלְפִי הָאָדָם וּמַלְבִּישׁ לוֹ בָּהֶם רְמָזִים כְּדֵי לְקָרְבוֹ לַעֲבוֹדָתוֹ"**. (קיצור ליקוטי מוהר"ן נד אות א)

**כָּל אֶחָד מֵאִתָּנוּ מְקַבֵּל רְמָזִים מֵהַמֶּלֶךְ בְּכָל יוֹם.** מִי שֶׁהוֹלֵךְ בִּתְמִימוּת, מִסְתַּכֵּל עַל הָרְמָזִים וְשָׂם לִבּוֹ עֲלֵיהֶם, וּמַאֲמִין שֶׁה' יִתְבָּרַךְ קוֹרֵא לוֹ מִתּוֹךְ הָרֶמֶז הַזֶּה, עַל יְדֵי הַשָּׁלִיחַ הַזֶּה, לְהִתְקָרֵב אֵלָיו, **וְרָץ תֵּכֶף וּמִיָּד אֶל הַמֶּלֶךְ.** אַךְ הֶחָכָם, לְהַבְדִּיל, הִמְשִׁיךְ לָלֶכֶת בִּכְפִירוֹתָיו, לֹא שָׂם לֵב לָרְמָזִים כְּלָל וְהִכְחִישׁ אוֹתָם לְגַמְרֵי. הוּא לֹא הֶאֱמִין שֶׁה' יִתְבָּרַךְ מְדַבֵּר אֵלָיו מִתּוֹךְ הַדְּבָרִים שֶׁמִּתְרַחֲשִׁים אִתּוֹ בְּחַיֵּי הַיּוֹם יוֹם, אֶלָּא הָלַךְ רַק בְּהִגָּיוֹן וּבְחָכְמָה, עַד שֶׁכָּפַר לְגַמְרֵי בַּמֶּלֶךְ וּבַצַּדִּיקִים רח"ל, כְּמוֹ שֶׁאָנוּ רוֹאִים בְּמַהֲלַךְ הַמַּעֲשֶׂה.

גַּם בָּרְמָזִים שֶׁהַמֶּלֶךְ שׁוֹלֵחַ לָנוּ יֵשׁ בְּחִירָה. **"וַיִּכְתֹּב לָהֶם, שֶׁאֵין הַדָּבָר נָחוּץ, וְאֵין הַמֶּלֶךְ גּוֹזֵר דַּוְקָא שֶׁיָּבוֹאוּ, רַק הַדָּבָר תָּלוּי בִּרְצוֹנָם: אִם הֵם רוֹצִים - יָבוֹאוּ, רַק שֶׁהַמֶּלֶךְ חָפֵץ לִרְאוֹתָם"**. כְּשֶׁקּוֹרֶה מַשֶּׁהוּ בְּמַהֲלַךְ הַיּוֹם, וְאָנוּ מְבִינִים שֶׁיֵּשׁ כָּאן דִּבּוּר, **יֵשׁ כָּאן רֶמֶז מֵהַמֶּלֶךְ!** עֲדַיִן יֵשׁ לָנוּ בְּחִירָה. יֵשׁ יְהוּדִי שֶׁמְּקַבֵּל מִזֶּה הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה וּמִתְקָרֵב עַל יְדֵי זֶה לַה' יִתְבָּרַךְ בִּתְמִימוּת. לְעֻמַּת זֹאת, אֶפְשָׁר לִדְחוֹת אֶת הַדְּבָרִים מֵעָלָיו וּלְהַמְשִׁיךְ בְּדַרְכּוֹ כְּאִלּוּ כְּלוּם לֹא קָרָה. זֶה תָּלוּי בָּרָצוֹן וּבַבְּחִירָה שֶׁל הָאָדָם.

וְאָנוּ רוֹאִים שֶׁכְּשֶׁהַתָּם מְקַבֵּל אֶת הָאִגֶּרֶת מֵהַמֶּלֶךְ הוּא לֹא מִתְעַכֵּב כְּלָל, **"וְתֵכֶף נִזְדָּרֵז בְּשִׂמְחָה וְהָלַךְ וְנָסַע עִם הַשָּׁלִיחַ"**. אֲפִלּוּ לֹא הָיָה לוֹ פְּנַאי לְהָשִׁיב לְאִשְׁתּוֹ עַל שְׁאֵלָתָהּ, כִּי זֶה כְּלָל, שֶׁתֵּכֶף כְּשֶׁיֵּשׁ לָאָדָם הִתְעוֹרְרוּת לְאֵיזֶה דָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה, שֶׁלֹּא יַמְתִּין לַעֲשׂוֹת אֶת זֶה אַחַר כָּךְ, בִּזְמַן מַתְאִים וְכַדּוֹמֶה, אֶלָּא תֵּכֶף וּמִיָּד יַעֲשֶׂה אֶת הַדָּבָר אוֹ הָעֲבוֹדָה שֶׁבִּקְדֻשָּׁה. גַּם כַּאֲשֶׁר הוֹלֵךְ הָאָדָם בָּרְחוֹב, וּפִתְאוֹם מַגִּיעָה אֵלָיו הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, יָרִים עֵינָיו הַשָּׁמַיְמָה וִידַבֵּר מִיָּד דִּבּוּרִים לַה' יִתְבָּרַךְ, כִּי יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁאִם יַמְשִׁיךְ בְּדַרְכּוֹ, עָלוּל הִרְהוּר הַתְּשׁוּבָה לַחֲלֹף מִמֶּנּוּ, **וּמִי יוֹדֵעַ מָתַי יַגִּיעַ שׁוּב?**

**מוהרנ"ת כּוֹתֵב,** שֶׁהָיָה מַבְחִין כַּמָּה פְּעָמִים אֵצֶל רַבֵּנוּ שֶׁהָיָה נֶעְצָר בְּאֶמְצַע הַחֶדֶר, - **כִּי כַּאֲשֶׁר הַמֶּלֶךְ קוֹרֵא צָרִיךְ לָבוֹא מִיָּד.** הַהִתְעוֹרְרוּת הַזֹּאת, הַמּוֹפִיעָה לְפֶתַע בְּלֵב הָאָדָם וּבְמֹחוֹ, הִיא כְּעֵין קְרִיאָה מִן הַמֶּלֶךְ. לְעִתִּים הוּא קוֹרֵא בַּלַּיְלָה, לְעִתִּים בַּיּוֹם, בְּשִׁבְתְּךָ בְּבֵיתֶךָ, אוֹ בְּלֶכְתְּךָ בַדֶּרֶךְ. כַּאֲשֶׁר הוּא קוֹרֵא, צָרִיךְ לְהִתְיַצֵּב מִיָּד, וְחָלִילָה לֹא לְהִתְעַלֵּם מֵהַקְּרִיאָה, **כִּי מִי יוֹדֵעַ מָתַי יִקְרָאֵנִי שׁוּב...** זֶהוּ לִמּוּד חָשׁוּב מְאֹד, שֶׁכְּשֶׁיֵּשׁ לִי הִתְעוֹרְרוּת אוֹ רֶמֶז מֵהַמֶּלֶךְ לֹא לַעֲשׂוֹת חֶשְׁבּוֹנוֹת; לָמָּה דַּוְקָא לִי, וְלָמָּה עַכְשָׁו. כִּי זֶה מִדֶּרֶךְ הֶחָכָם. רַק יֵשׁ לָלֶכֶת בִּתְמִימוּת. **כְּשֶׁקּוֹרְאִים - בָּאִים,** כַּאֲשֶׁר יֵשׁ הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, פּוֹעֲלִים מִיָּד, בְּלִי לַחְקֹר וְלַחְשֹׁב מָה וְלָמָּה, כְּדֵי לֹא לְאַבֵּד אֶת הַטּוֹבָה וְהָאוֹרָה שֶׁעוֹמֶדֶת לְהַגִּיעַ אֵלֵינוּ. שֶׁנִּזְכֶּה לָלֶכֶת בְּדֶרֶךְ הַתָּם, וְאָז יִשְׁלַח לָנוּ הַמֶּלֶךְ תָּמִיד שְׁלִיחִים תְּמִימִים לְעוֹרְרֵנוּ, כְּדַרְכּוֹ: **"הַתָּם וּמִתַּמֵּם עִם תְּמִימִים"** (מוסף ר"ה)

## שַׁבַּת שָׁלוֹם וּמְבֹרָךְ!



# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת - מַעֲשֶׂה ט' מֵחָכָם וְתָם (3)

# שֶׁסִּפְּרָה רַבֵּנוּ נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זיע"א

# בלשה"ק

**וְאֵלּוּ הַשְּׁנֵי בָּנִים** הָיוּ נִקְרָאִים בְּפִי הָעוֹלָם, זֶה בְּכִנּוּי חָכָם, וְזֶה בְּכִנּוּי תָּם. אַף־עַל־פִּי שֶׁיֵּשׁ כַּמָּה חֲכָמִים וְתַמִּים בָּעוֹלָם, אַף־עַל־פִּי־כֵן כָּאן הָיָה נִכָּר הַדָּבָר בְּיוֹתֵר, כִּי שְׁנֵיהֶם מִמָּקוֹם אֶחָד וְלָמְדוּ בְּיַחַד, וְזֶה נַעֲשָׂה חָכָם מֻפְלָג מְאֹד, וְזֶה הָיָה תָּם גָּדוֹל מְאֹד.

**וּבְהַסְּקַאסְקִי,** שֶׁשָּׁם כּוֹתְבִין כָּל אֶחָד עִם כִּנּוּי פַּאמֶעלְיֶא שֶׁלּוֹ, הָיוּ כּוֹתְבִין עַל זֶה כִּנּוּי חָכָם וְעַל זֶה כִּנּוּי תָּם.

**פַּעַם אֶחָד** בָּא הַמֶּלֶךְ עַל הַסְּקַאסְקִי, וּמָצָא, שֶׁהָיוּ כְּתוּבִין שָׁם אֵלּוּ הַשְּׁנֵי בָּנִים, זֶה בְּשֵׁם חָכָם, וְזֶה בְּשֵׁם תָּם, וְהָיָה בְּעֵינָיו לְפֶלֶא, שֶׁאֵלּוּ הַשְּׁנַיִם מְכֻנִּים בְּשֵׁם חָכָם וְתָם, וְנִתְאַוָּה הַמֶּלֶךְ לִרְאוֹתָם.

**וְחָשַׁב הַמֶּלֶךְ:** אִם אֶשְׁלַח אַחֲרֵיהֶם פִּתְאֹם, שֶׁיָּבוֹאוּ לְפָנַי יִתְפַּחֲדוּ מְאֹד, וְהֶחָכָם, יִסְתַּתְּמוּ טַעֲנוֹתָיו לְגַמְרֵי, וְהַתָּם גַּם־כֵּן אֶפְשָׁר יִשְׁתַּגֵּעַ מֵחֲמַת פַּחַד.

**וְנִתְיַשֵּׁב הַמֶּלֶךְ** לִשְׁלֹחַ חָכָם אֶחָד אֶל הֶחָכָם, וְתָם אֶל הַתָּם; רַק אֵיךְ מוֹצְאִין בְּעִיר מְלוּכָה תָּם, כִּי בְּעִיר מְלוּכָה עַל־פִּי־רֹב הֵם חֲכָמִים, רַק שֶׁהַמְמֻנֶּה עַל הָאוֹצָרוֹת הוּא תָּם דַּוְקָא, כִּי הֶחָכָם אֵינָם רוֹצִים לַעֲשׂוֹת מְמֻנֶּה עַל הָאוֹצָרוֹת **פֶּן עַל יְדֵי חָכְמָתוֹ וְשִׂכְלוֹ יוּכַל לְבַזְבֵּז הָאוֹצָרוֹת,** עַל כֵּן עוֹשִׂין מְמֻנֶּה עַל הָאוֹצָרוֹת תָּם דַּוְקָא.

**וְקָרָא הַמֶּלֶךְ** לְחָכָם אֶחָד וּלְאוֹתוֹ הַתָּם הַנַּ"ל וּשְׁלָחָם לְהַשְּׁנֵי בָּנִים הַנַּ"ל, וְנָתַן בְּיָדָם אִגְּרוֹת לְכָל אֶחָד וְאֶחָד. גַּם נָתַן בְּיָדָם אִגֶּרֶת לְהַגַּאבִּירְנִיר שֶׁל הַגַּאבֶּערְנִיא, שֶׁאֵלּוּ הַשְּׁתֵּי בָּנִים הֵם תַּחַת מֶמְשַׁלְתּוֹ,

**וְצִוָּה** בְּהָאִגֶּרֶת, שֶׁהַגַּאבִּירְנִיר יִשְׁלַח לָהֶם אִגְּרוֹת מִשְּׁמוֹ לְהֶחָכָם וְהַתָּם כְּדֵי שֶׁלֹּא יִתְפַּחֲדוּ, וְיִכְתֹּב לָהֶם, שֶׁאֵין הַדָּבָר נָחוּץ, וְאֵין הַמֶּלֶךְ גּוֹזֵר דַּוְקָא שֶׁיָּבוֹאוּ רַק הַדָּבָר תָּלוּי בִּרְצוֹנָם: אִם הֵם רוֹצִים־יָבוֹאוּ, רַק שֶׁהַמֶּלֶךְ חָפֵץ לִרְאוֹתָם.

**וְנָסְעוּ** אֵלּוּ הַשְּׁלוּחִים, הֶחָכָם וְהַתָּם, וּבָאוּ לְהַגַּאבִּירְנִיר וְנָתְנוּ לוֹ הָאִגֶּרֶת. וְשָׁאַל הַגַּאבִּירְנִיר עַל אֵלּוּ הַשְּׁנֵי בָּנִים, וְאָמְרוּ לוֹ, שֶׁהֶחָכָם הוּא חָכָם מֻפְלָג וְעָשִׁיר גָּדוֹל. וְהַתָּם הוּא תָּם בְּיוֹתֵר, וְיֵשׁ לוֹ כָּל הַמַּלְבּוּשִׁים שֶׁל הַפֶּעלְץ, כַּנַּ"ל.

**וְנִתְיַעֵץ** הַגַּאבִּירְנִיר, שֶׁבְּוַדַּאי אֵין רָאוּי לַהֲבִיאוֹ לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ בִּלְבוּשׁ פֶּעלְץ, וְעָשָׂה לוֹ מַלְבּוּשִׁים כָּרָאוּי, וְהִנִּיחַ בְּתוֹךְ הָעֶגְלוֹת־ צָב שֶׁל הַתָּם, וְנָתַן לָהֶם אִגְּרוֹת, כַּנַּ"ל.

**וְנָסְעוּ** הַשְּׁלוּחִים וּבָאוּ לְשָׁם. וְנָתְנוּ הָאִגְּרוֹת לָהֶם: הֶחָכָם־לְהֶחָכָם, וְהַתָּם־לְהַתָּם. וְהַתָּם, תֵּכֶף שֶׁהִגִּיעַ לוֹ הָאִגֶּרֶת, אָמַר לְהַתָּם הַשָּׁלִיחַ שֶׁהֱבִיאוֹ: הֲלֹא אֵינִי יוֹדֵעַ מַה כָּתוּב בּוֹ; קְרָא אוֹתוֹ לְפָנַי!

**הֵשִׁיב לוֹ:** אֲנִי אֲסַפֵּר לְךָ בְּעַל־פֶּה מַה שֶּׁכָּתוּב בּוֹ, שֶׁהַמֶּלֶךְ רוֹצֶה שֶׁתָּבוֹא אֵלָיו. שָׁאַל תֵּכֶף: **רַק בְּלִי לֵיצָנוּת!**

**הֵשִׁיב לוֹ:** בְּוַדַּאי אֱמֶת, **בְּלִי לֵיצָנוּת.** וְנִתְמַלֵּא שִׂמְחָה תֵּכֶף וְרָץ וְאָמַר לְאִשְׁתּוֹ: אִשְׁתִּי, הַמֶּלֶךְ שָׁלַח בִּשְׁבִילִי! וְשָׁאֲלָה אוֹתוֹ: עַל מָה וְלָמָּה?

**וְלֹא הָיָה לוֹ פְּנַאי** לַהֲשִׁיבָהּ כְּלָל, וְתֵכֶף נִזְדָּרֵז בְּשִׂמְחָה וְהָלַךְ וְנָסַע עִם הַשָּׁלִיחַ תֵּכֶף.

**וְנִכְנַס** וְיָשַׁב בְּתוֹךְ הָעֶגְלוֹת־צָב וּמָצָא שָׁם הַבְּגָדִים הַנַּ"ל וְשָׂמַח יוֹתֵר וְיוֹתֵר.

**בְּתוֹךְ־כָּךְ** נִשְׁלְחוּ מְסִירוֹת עַל הַגַּאבִּירְנִיר, שֶׁהוּא עוֹשֶׂה עַוְלוֹת, וְהֶעֱבִירוֹ הַמֶּלֶךְ.

**וְנִתְיַעֵץ הַמֶּלֶךְ,** שֶׁטּוֹב, שֶׁיִּהְיֶה גַּאבִּירְנִיר אִישׁ תָּם, שֶׁהַתָּם יִנְהַג הַמְּדִינָה בֶּאֱמֶת וָיֹשֶׁר מֵחֲמַת שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ חָכְמוֹת וְהַמְצָאוֹת.

**וְנִמְלַךְ הַמֶּלֶךְ** לַעֲשׂוֹת אֶת הַתָּם הַנַּ"ל גַּאבִּירְנִיר, וְשָׁלַח הַמֶּלֶךְ פְּקֻדָּתוֹ שֶׁהַתָּם הַנַּ"ל, שֶׁשָּׁלַח אַחֲרָיו, הוּא יִהְיֶה גַּאבִּירְנִיר.

**וְהוּא צָרִיךְ** לִנְסֹעַ דֶּרֶךְ הָעִיר שֶׁל הַגַּאבֶּערְנִיא, וַיַּעַמְדוּ עַל הַשְּׁעָרִים שֶׁל הָעִיר, וְתֵכֶף בְּבוֹאוֹ, יְעַכְּבוּ אוֹתוֹ וְיַכְתִּירוּ אוֹתוֹ בְּהַתְמַנּוּת הַזֹּאת, שֶׁיִּהְיֶה גַּאבִּירְנִיר, וְכֵן עָשׂוּ.

**וְעָמְדוּ עַל הַשְּׁעָרִים**, וְתֵכֶף בְּעָבְרוֹ שָׁם, עִכְּבוּ אוֹתוֹ וְאָמְרוּ לוֹ, שֶׁהוּא נַעֲשָׂה גַּאבִּירְנִיר. וְשָׁאַל וְאָמַר: **רַק בְּלִי לֵיצָנוּת!** הֵשִׁיבוּ לוֹ: בְּוַדַּאי **בְּלִי שׁוּם לֵיצָנוּת**. וְנַעֲשָׂה הַתָּם תֵּכֶף גַּאבִּירְנִיר בְּתֹקֶף וָעֹז.

**וְעַתָּה**, שֶׁנִּתְרוֹמֵם מַזָּלוֹ, וּמַזָּל מַחְכִּים, וּבָא לוֹ קְצָת הֲבָנָה, אַף־עַל־פִּי־כֵן לֹא הִשְׁתַּמֵּשׁ כְּלָל בְּחָכְמָתוֹ, **רַק נָהַג בִּתְמִימוּתוֹ** כְּבָרִאשׁוֹנָה וְהִנְהִיג אֶת הַמְּדִינָה בִּתְמִימוּת, בֶּאֱמֶת וּבְיֹשֶׁר, וְעַוְלָה לֹא נִמְצָא בּוֹ, וְעַל הַנְהָגַת הַמְּדִינָה אֵין צְרִיכִין שֵׂכֶל גָּדוֹל וְחָכְמוֹת, רַק עַל פִּי הַיֹּשֶׁר בִּתְמִימוּת.

**כְּשֶׁבָּאוּ לְפָנָיו** שְׁנַיִם לְדִין, הָיָה אוֹמֵר: אַתָּה זַכַּאי וְאַתָּה חַיָּב, כְּפִי תְּמִימוּתוֹ בֶּאֱמֶת, בְּלִי שׁוּם עָרְמָה וּמִרְמָה, וְכֵן נָהַג הַכֹּל בֶּאֱמֶת.

**וְהָיוּ אוֹהֲבִים** אוֹתוֹ הַמְּדִינָה מְאֹד. וְהָיָה לוֹ יוֹעֲצִים אוֹהֲבִים בֶּאֱמֶת, וּמֵחֲמַת הָאַהֲבָה יָעַץ לוֹ אֶחָד: בַּאֲשֶׁר שֶׁבְּוַדַּאי בְּהֶכְרֵחַ תִּהְיֶה קָרוּא אֶל הַמֶּלֶךְ שֶׁתָּבוֹא לְפָנָיו, כִּי הֲלֹא כְּבָר שָׁלַח אַחֲרֶיךָ וְגַם הַדֶּרֶךְ, שֶׁהַגַּאבִּירְנִיר מֻכְרָח לָבוֹא לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ,

**וְעַל כֵּן** אַף־עַל־פִּי שֶׁאַתָּה כָּשֵׁר מְאֹד, וְלֹא יִמְצָא בְךָ שׁוּם עַוְלָה בְּהַנְהָגָתְךָ הַמְּדִינָה, אַף־עַל־פִּי־כֵן דֶּרֶךְ הַמֶּלֶךְ בִּדְבָרָיו לִנְטוֹת בִּדְבָרָיו לְצַד אַחֵר, לְדַבֵּר חָכְמוֹת וּלְשׁוֹנוֹת אֲחֵרִים, עַל כֵּן נָאֶה וְדֶרֶךְ־אֶרֶץ, שֶׁתּוּכַל לַהֲשִׁיבוֹ;

**עַל כֵּן טוֹב**, שֶׁאֲלַמֶּדְךָ חָכְמוֹת וּלְשׁוֹנוֹת. וְנִתְקַבֵּל הַדָּבָר בְּעֵינֵי הַתָּם וְאָמַר: מָה אִכְפַּת לִי אִם אֶלְמַד חָכְמוֹת וּלְשׁוֹנוֹת?!

**וְתֵכֶף עָלָה עַל דַּעְתּוֹ**, שֶׁחֲבֵרוֹ הֶחָכָם אָמַר לוֹ, שֶׁאִי אֶפְשָׁר בְּשׁוּם אֹפֶן שֶׁהוּא יָבוֹא עַל שֶׁלּוֹ, וְהִנֵּה עַתָּה כְּבָר בָּא עַל חָכְמָתוֹ .

**אַחַר־כָּךְ** שָׁלַח הַמֶּלֶךְ, שֶׁיָּבוֹא זֶה הַתָּם הַגַּאבִּירְנִיר אֵלָיו, וְנָסַע אֵלָיו. וְדִבֵּר הַמֶּלֶךְ עִם הַתָּם בִּתְחִלָּה מֵהַנְהָגַת הַמְּדִינָה, **וְהוּטַב בְּעֵינֵי הַמֶּלֶךְ מְאֹד מְאֹד**, כִּי רָאָה, שֶׁהוּא מִתְנַהֵג בְּיֹשֶׁר וֶאֱמֶת גָּדוֹל, בְּלִי שׁוּם עַוְלָה וּמִרְמָה.

**אַחַר־כָּךְ** הִתְחִיל הַמֶּלֶךְ לְדַבֵּר חָכְמוֹת וּלְשׁוֹנוֹת, וְהֱשִׁיבוֹ הַתָּם כָּרָאוּי, וְהוּטַב בְּעֵינֵי הַמֶּלֶךְ זֹאת בְּיוֹתֵר וְיוֹתֵר, וְאָמַר: אֲנִי רוֹאֶה, שֶׁהוּא חָכָם כָּזֶה, וְאַף־עַל־פִּי־כֵן הוּא מִתְנַהֵג בִּתְמִימוּת כָּזֶה!

**וַיִּיטַב בְּעֵינֵי הַמֶּלֶךְ** מְאֹד מְאֹד. וּמִנָּה הַמֶּלֶךְ אוֹתוֹ, שֶׁיִּהְיֶה מִינִיסְטֶר עַל כָּל הַמִּינִיסְטֶרִישׁ.

**וְצִוָּה לוֹ מָקוֹם מְיֻחָד**, שֶׁשָּׁם יִהְיֶה יְשִׁיבָתוֹ, וְצִוָּה, שֶׁיִּבָּנֶה לוֹ חוֹמוֹת נָאוֹת וּמְפֹאָרוֹת כָּרָאוּי, וְנָתַן לוֹ כְּתָב עַל הַתְמַנּוּת הַזֹּאת, שֶׁיִּהְיֶה מִינִיסְטֶר, כַּנַּ"ל וְכֵן הָיָה, שֶׁבָּנוּ לוֹ בִּנְיָנִים, כַּנַּ"ל, בְּאוֹתוֹ הַמָּקוֹם שֶׁצִּוָּה הַמֶּלֶךְ, וְהָלַךְ וְקִבֵּל הַגְּדֻלָּה בְּתֹקֶף.

**וְהֶחָכָם הַנַּ"ל**, כְּשֶׁבָּא אֵלָיו הָאִגֶּרֶת מֵהַמֶּלֶךְ, כַּנַּ"ל, הֵשִׁיב לְהֶחָכָם שֶׁהֱבִיאָהּ: הַמְתֵּן וְלִין פֹּה, וּנְדַבֵּר וְנִתְיַשֵּׁב. לָעֶרֶב עָשָׂה עֲבוּרוֹ סְעֻדָּה גְּדוֹלָה.

**בְּתוֹךְ סְעֻדָּתוֹ** נִתְחַכֵּם הֶחָכָם בְּחָכְמָתוֹ וּפִילוֹסוֹפְיָה שֶׁלּוֹ, וְעָנָה וְאָמַר: מַה זֹּאת, שֶׁהַמֶּלֶךְ כָּזֶה יִשְׁלַח אַחֲרַי, עֲבוּר שְׁפַל בֶּרֶךְ כָּמוֹנִי, וּמָה אֲנִי, שֶׁהַמֶּלֶךְ יִשְׁלַח אַחֲרַי?! הֲלֹא מֶלֶךְ כָּזֶה שֶׁיֵּשׁ לוֹ מֶמְשָׁלָה וּגְדֻלָּה כָּזוֹ, וַאֲנִי שָׁפָל וְנִבְזֶה כְּנֶגֶד מֶלֶךְ גָּדוֹל וְנוֹרָא כָּזֶה, וְאֵיךְ יִתְיַשֵּׁב זֹאת בַּדַּעַת, שֶׁמֶּלֶךְ כָּזֶה יִשְׁלַח עֲבוּר שָׁפָל כָּמוֹנִי?

**אִם אֹמַר בִּשְׁבִיל חָכְמָתִי**, מָה אֲנִי כְּנֶגֶד הַמֶּלֶךְ? וְכִי אֵין לְהַמֶּלֶךְ חֲכָמִים? וְגַם הַמֶּלֶךְ בְּעַצְמוֹ בְּוַדַּאי חָכָם גָּדוֹל, וּמָה הַדָּבָר הַזֶּה, שֶׁהַמֶּלֶךְ יִשְׁלַח עֲבוּרִי? וַיִּשְׁתּוֹמֵם עַל זֶה מְאֹד מְאֹד.

# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת - מַעֲשֶׂה ט' פוּנֶעם חָכָם מִיטְן תַּם (3)

# וָואס הָאט דֶערְצֵיילְט רַבֵּנוּ נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זיע"א

# אִידִישׁ

**און דִי צְוֵויי קִינְדֶער.** פְלֶעגְט דִי וֶועלְט רוּפִין **חָכָם** און **תַּם**. דֶעם הָאבִּין זֵיי גִירוּפְן **חָכָם**, און דֶעם הָאבִּין זֵיי גִירוּפְן **תַּם**. כָאטְשֶׁע סֶע אִיז פַאר הַאנְדְן אַסַאךְ חֲכָמִים און תַּמִים אוֹיף דֶער וֶועלְט. דָא הָאט זִיךְ עֶס אָבֶּער זֵייעֶר אָן גִיזֶעהְן, וָוארִין זֵיי זֶענֶען בֵּיידֶע גִיוֶוען פון אֵיין שְׁטָאט. און הָאבִּין אִין אֵיין חֵדֶר גִילֶערִינְט און דֶער אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר אַ וִוילְדֶער חָכָם. **און דֶער אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער תַּם** (אִיבֶּער דֶעם הָאט מֶען זֵיי דִי צוּ נֶעמֶען גִיגִיבְן דֶעם חָכָם און דֶעם תַּם)

**און** אִין דֶער סְקַאסְקֶע פַאר שְׁרַייבְּט מֶען זִיךְ אִיטְלִיכְן מִיט אַלֶע נֶעמֶען פון זַיין פַאמֶעלְיָא. הָאט מֶען אָנְגִישְׁרִיבְּן אוֹיף דֶעם. דֶעם צוּ נָאמֶען. **חָכָם**. און אוֹיף דֶעם. **תַּם**.

**אַמָאל אִיז דֶער מֶלֶךְ** גִיקוּמֶען אִיבֶּער דֶער סְקַאסְקֶע. הָאט עֶר גִיפוּנֶען דִי צְוֵויי. וִוי זֵיי זֶענֶען פַארְשְׁרִיבְּן דֶער מִיט דֶעם צוּ נָעמֶען **חָכָם**. און דֶער מִיט דֶעם צוּ נָאמֶען **תַּם**. אִיז דָאס בַּאם מֶלֶךְ גִיוֶוען אַ וואוּנְדֶער. וָואס דִי צְוֵוי הָאבִּין אַזוֹינֶע צוּ נֶעמֶען **חָכָם** און **תַּם**. הָאט דֶער מֶלֶךְ זֵייעֶר גִיוָואלְט זֵיי זֶעהְן.

**הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ** מְיַישֵׁב גִיוֶוען. אַז אִיךְ וֶועל פְּלוּצִים שִׁיקִין נָאךְ זֵיי. אַז זֵיי זָאלְן קוּמֶען פַאר מִיר. וֶועלִין זֵיי זִיךְ זֵייעֶר אִיבֶּער שְׁרֶעקִין. און דֶער **חָכָם** וֶועט גָאר נִיט וִויסִין. וָואס צוּ עֶנְפֶערִין. און דֶער **תַּם** וֶועט אֶפְשֶׁר מְשׁוּגָע וֶוערִין מַחְמַת פַּחַד.

**הָאט זִיךְ מְיַישֵׁב** גִיוֶוען דֶער מֶלֶךְ אַז עֶר זָאל שִׁיקִין אַ **חָכָם** צוּם **חָכָם**. און אַ **תַּם** צוּם **תַּם**. נָאר וִוי קְרִיגְט מֶען אִין אֵיין עִיר מְלוּכָה אַ **תַּם**. וָוארִין אִין אֵיין עִיר מְלוּכָה (דְהַיינוּ דִי שְׁטָאט וָואס דֶער מֶלֶךְ זִיצְט) זֶענֶען דָאס רוֹב חֲכָמִים.

**נָאר דֶער וָואס** עֶר אִיז **אַ מְמוּנֶה אִבֶּער דִי אוֹצָרוֹת** עֶר אִיז דַוְקָא אַ **תַּם**. וָוארִין אַ חָכָם וִויל מֶען נִיט מַאכִין פַאר קֵיין מְמוּנָה אִיבֶּער דִי אוֹצְרוֹת. וָוארִין טָאמֶער דוֹרְךְ זַיין חָכְמָה מִיט זַיין שֵׂכֶל. וֶועט עֶר אוֹיס בְּרֶענְגֶען דִי אוֹצְרוֹת. אִיבֶּער דֶעם מַאכְט מֶען **אַ מְמוּנָה אִיבֶּער דִי אוֹצְרוֹת אַ תַּם דַוְקָא.**

**הָאט דֶער מֶלֶךְ** גִירוּפִין אַ **חָכָם** און דֶעם **תַּם** (וָואס עֶר אִיז אַ מְמוּנָה אִיבֶּער דִי אוֹצְרוֹת) און עֶר הָאט זֵיי גִישִׁיקְט צוּ דִי צְוֵויי (דְהַיינוּ צוּם חָכָם און צוּם תַּם) און עֶר הָאט זֵיי גִיגֶעבִּין בְּרִיו צוּ אִיטְלִיכְן בַּאזוּנְדֶער. און עֶר הָאט זֵיי נָאךְ בְּרִיוו גִיגֶעבִּין צוּם גַאבִּירְנִיר פון דֶער גַאבֶּערְנְיָא וָואס דִי צְוֵויי דְהַיינוּ דֶער **חָכָם** מִיט דֶעם **תַּם** זֶענֶען אוּנְטֶער אִים.

**און דֶער מֶלֶךְ** הָאט גִיהֵייסִין אִין דֶעם בְּרִיוו אַז דֶער גַאבִּירְנִיר זָאל זֵיי שִׁיקְן בְּרִיוו פון זַיינֶעט וֶועגִין צוּם **חָכָם** און צוּם **תַּם** כְּדֵי אַז זֵיי זָאלִין זִיךְ נִיט שְׁרֶעקִין. און עֶר זָאל זֵיי שְׁרַייבְּן. אַז דִי זַאךְ אִיז נִיט נֵייטִיק. און דֶער מֶלֶךְ אִיז נִיט גוֹזֵר דַוְקָא אַז זֵיי זָאלִין קוּמֶען. נָאר סֶע אִיז בַּיי זֵיי דִי בְּרֵירָה. אַז זֵיי ווִילִין זָאלִין זֵיי קוּמֶען. **נָאר דֶער מֶלֶךְ** וִויל זֵיי **זֶעהְן.**

**זֶענֶען גִיפָארִין** דִי שְׁלוּחִים דֶער **חָכָם** מִיט דֶעם **תַּם**. און זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּם גַאבִּירְנִיד. און הָאבִּין אִים אָפּ גִיגֶעבְּן דִי בְּרִיוו.

**הָאט דֶער גַאבִּירְנִיר** נָאךְ גִיפְרֶעגְט אוֹיף דִי צְוֵויי קִינְדֶער הָאט מֶען אִים גִיזָאגְט. אַז דֶער **חָכָם** אִיז **אַ וִוילְדֶער חָכָם** און אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר. און דֶער **תַּם** אִיז זֵייעֶר **אַ גְרוֹיסֶער תַּם**. און עֶר הָאט אַלִירְלֵיי מַלְבּוּשִׁים פון דֶעם פֶּעלְץ כַּנַ"ל.

**הָאט** זִיךְ דֶער גַאבִּירְנִיר מְיַישֵׁב גִיוֶוען. סֶע אִיז בְּוַודַאי נִט שַׁיין אַז מֶען זָאל אִים בְּרֶענְגֶען פַאר דֶעם מֶלֶךְ אִין אַ פֶּעלְץ. הָאט עֶר אִים גִימַאכְט קְלֵיידֶער אַזוֹי וִוי סֶע קֶער צוּ זַיין. און הָאט אַרַיין גִילֵייגְט אִין דֶער קַארִיטֶע פון דֶער **תַּם**. און עֶר הָאט זֵיי גִיגֶעבִּין בְּרִיוו כַּנַ"ל.

**זֶענֶען דִי שְׁלוּחִים גִיפָאהְרִין**. אוּן זֵיי זֶענֶען צוּ זֵיי גִיקוּמֶען. אוּן הָאבְּן זֵיי אָפּ גִיגֶעבְּן דִי בְּרִיוו. דֶער **חָכָם** הָאט אָפּ גִיגֶעבְּן צוּם **חָכָם**. אוּן דֶער **תַּם** צוּם **תַּם**.

**אוּן דֶער תַּם**. תֵּיכֶּף וִוי מֶען הָאט אִים אָפּ גִיגֶעבִּין דֶעם בְּרִיוו. **הָאט עֶר זִיךְ אָנְגִירוּפְן** צוּ דֶעם שְׁלִיח (וָואס עֶר אִיז אוֹיךְ גִיוֶוען אַ תַּם. כַּנַ"ל) וָואס עֶר הָאט אִים גִיבְּרַאכְט דֶעם בְּרִיוו. אִיךְ וֵוייס זִיךְ נִיט וָואס אִין דֶעם בְּרִיוו שְׁטֵייט. לֵיין אִים פַאר מִיר. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט. אִיךְ וֶועל דִיר זָאגִין אוֹיסִין וֵוייניק וָואס אִין אִים שְׁטֵייט. דֶער מֶלֶךְ וִויל אַז דוּ זָאלְסְט צוּ אִים קוּמֶען

**הָאט** עֶר תֵּיכֶּף גִיפְרֶעגְט. **נָאר אָן לֵיצָנוּת**. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט. סֶע אִיז **אַ וַודְאַי אֶמֶת** אָן לִיצָנוּת אִיז עֶר תֵּיכֶּף **מָלֵא שִׂמְחָה גִיוָוארִין** אוּן **אִיז גִילָאפִין** אוּן הָאט גִיזָאגְט צוּם וַוייבּ. מַיין וַוייבּ דֶער מֶלֶךְ הָאט נָאךְ מִיר גִישִׁיקְט.

**הָאט זִי אִים גִיפְרֶעגְט**. וָואס אִיז דָאס. נָאךְ וָואס הָאט עֶר נָאךְ דִיר גִישִׁיקְט. הָאט עֶר גָאר קֵיין צַייט נִיט גֵיהַאט עֶר זָאל אִיר עֶפֶּעס עֶנְפֶערִין. אוּן הָאט זִיךְ תֵּיכֶּף **מְזַרֵז גִיוֶוען מִיט שִׂמְחָה אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען** אוּן הָאט זִיךְ אַרַיין גִיזֶעצְט אִין דֶער קַארִיטֶע עֶר זָאל פָארִין מִיט דֶעם שְׁלִיחַ.

**דֶערְוַוייל** הָאט עֶר דָארְט דֶערְזֶעהְן דִי קְלֵיידֶער (וָואס דֶער גַבִּירְנִיר הָאט גִימַאכְט פוּן זַיינֶעט וֶועגִין אוּן הָאט אַרַיין גִילֵייגְט אִין זַיין קַארִיטֶע כַּנַ"ל) הָאט עֶר זִיךְ נָאךְ מֶער גִיפְרֵייט. עֶר הָאט שׁוֹין קְלֵיידֶער אוֹיךְ. **אוּן אִיז זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ גִיוֶוען**.

**דֶער** וַוייל הָאט מֶען דֶערְלַאנְגְט צוּם מֶלֶךְ מְסִירוֹת אוֹיף דֶעם גוּבִּירְנִיר. בַּאֲשֶׁר עֶר טוּט פַאלְטְשְׁקֵייט. הָאט דֶער מֶלֶךְ אִים מַעֲבִיר גִיוֶוען (כְּלוֹמֶר אָפּ גִיזֶעצְט) **הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען**. סֶע אִיז גוּט אַז סֶע זָאל זַיין אַ גוּבִּירְנִיר אַ פְּרָאסְטִי מֶענְטְשׁ דְהַיינוּ אַ תַּם. וָוארִין **אַ תַּם** וֶועט פִירִין דִי מְדִינָה מִיט **אֶמֶת** אוּן מִיט **יוֹשֶׁר**. מַחְמַת עֶר וֵוייסְט נִיט קֵיין חָכְמוֹת אוּן קֵיין הַמְצָאוֹת.

**אִיז דֶעם מֶלֶךְ** גִיפֶעלִין אַז עֶר זָאל מַאכִין דֶעם **תַּם** (דְהַיינוּ דֶער תַּם וָואס עֶר אִיז דֶער חָבֵר פוּן דֶעם חָכָם וָואס דֶער מֶלֶךְ הָאט נָאךְ אִים גִישִׁיקְט) פַאר אַ גוּבִּירְנִיר. הָאט דֶער מֶלֶךְ גִישִׁיקְט אֵיין אוּקַאז. אַז דֶער **תַּם** וָואס עֶר הָאט נָאךְ אִים גִישִׁיקְט. זָאל עֶר וֶוערִין גוּבִּירְנִיר.

אוּן דֶער **תַּם** מוּז פָארִין דוּרְךְ דֶער שְׁטָאט פוּן דֶער גוּבִּירְנְיָא. **בְּכֵן** זָאל מֶען זִיךְ שְׁטֶעלִין אוֹיף דִי טוֹיעֶרִין פוּן דֶער שְׁטָאט. אַז תֵּיכֶּף וִוי דֶער **תַּם** וֶועט אָן קוּמֶען. זָאל מֶען אִים פַארְהַאלְטְן. אוּן מֶען זָאל אִים אָפְּגֶעבִּין דִי טְשִׁין אַז עֶר זָאל זַיין גוּבִּירְנִיר.

**הָאט מֶען אַזוֹי גִיטָאן**. אוּן מֶען אִיז גִישְׁטַאנֶען אוֹיף דִי טוֹיעֶרִין אוּן תֵּיכֶּף וִוי עֶר אִיז דוּרְךְ גִיפָארִין. **הָאט מֶען אִים פַארְהַאלְטְן**.

**אוּן מֶען הָאט אִים גִיזָאגְט אַז עֶר אִיז גִיוָוארִין גוּבִּירְנִיר**. הָאט עֶר גִיפְרֶעגְט. **נָאר אָן לֵיצָנוּת**. הָאט מֶען אִים גִיעֶנְפֶערְט. אַוַודְאַי אָן שׁוּם לֵיצָנוּת. אִיז דֶער **תַּם גִיוָוארִין תֵּיכֶּף גוּבִּירְנִיר** בְּתוֹקֶף וָעוֹז.

**אוּן הַיינְט** אַז דָאס מַזָל הָאט זִיךְ אִים שׁוֹין אוֹיף גִיהוֹיבְּן. אוּן מַזָל מַחְכִּים (דְהַיינוּ דָאס מַזָל מַאכְט קְלוּג) הָאט עֶר שׁוֹין גִיקְרִיגְן **אַבִּיסְל הַבָנָה** (דְהַיינוּ פַארְשְׁטַאנְד) פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָארְט הָאט עֶר גָאר נִיט גִינוּצְט מִיט זַיין חָכְמָה.

**נָאר** עֶר הָאט זִיךְ גִיפִירְט מִיט זַיין **תְּמִימוּת** אַזוֹי וִוי פְרִיר. אוּן עֶר הָאט גִיפִירְט דִי מְדִינָה **מִיט תְּמִימוּת מִיט אֶמֶת**. **אוּן מִיט יוֹשֶׁר**. אוּן עֶר הָאט קֵיין שׁוּם פַאלְטְשְׁקֵייט אוּן קֵיין עַוְלָה נִיט גִיטָאן קֵיינֶעם.

**אוּן אוֹיף** פִירִיכְץ פוּן אַ מְדִינָה. בַּאדַארְף מֶען קֵיין גְרוֹיסְן שֵׂכֶל אוּן קֵיין חָכְמוֹת נִיט. **נָאר יוֹשֶׁר אוּן תְּמִימוּת**. אַז סֶע זֶענֶען גִיקוּמֶען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן זִיךְ לָאדִין פַאר אִים. הָאט עֶר גִיזָאגְט דוּ בִּיסְט זַכַּאי אוּן דוּ בִּיסְט חַיָיב.

**אַזוֹי** וִוי זַיין **תְּמִימוּת אוּן זַיין אֶמֶת** אִיז גִיוֶוען. אָן אַ שׁוּם רַמָאוּת אוּן אָן פַאלְטְשְׁקֵייט. אוּן אַזוֹי הָאט עֶר **אַלְץ גִיפִירְט מִיט אֶמֶת**. **הָאט** אִים דִי מְדִינָה זֵייעֶר לִיבּ גִיהַאט. אוּן עֶר הָאט גִיהַאט גִיטְרַייעֶ יוֹעֲצִים וָואס זֵיי **הָאבְּן אִים לִיבּ גִיהַאט**

**בְּאֶמֶת.** און מַחְמַת לִיבְּשַׁאפְט. הָאט אִים אֵיינֶער **אֵיין עֵצָה גִיגֶעבְּן.** בַּאֲשֶׁר דוּ וֶועסְט זִיךְ בְּוַודַּאי מוּזְן **קוּמֶען פַּאר דֶער מֶלֶךְ.** וָוארִין עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין נָאךְ דִיר גִישִׁיקְט. און ווידֶער. דֶער סֵדֶר אִיז. אַז אַ גוּבִּירְנִיר **מוּז קוּמֶען פַּאר דֶעם מֶלֶךְ.**

**בְּכֵן.** כַאטְשֶׁע דוּ **בִּיסְט זֵייעֶר עֶרְלִיךְ.** און דֶער מֶלֶךְ וֶועט אִין דִיר **נִיט גִיפִינֶען קֵיין שׁוּם פַאלְטְשְׁקֵייט.** אִין דַיין פִּירִיכְץ דִי מְדִינָה. פוּן דֶעסְטְוֶועגְן פָּארְט סֶע אִיז אָבֶּער **דֶער סֵדֶר פוּן דֶעם מֶלֶךְ.** אַז עֶר שְׁמוּסְט. אַז אִין דִי רֵייד גֵייט עֶר אַרַיין אִין דֶער זַייט. און הֵייבְּט אָן שְׁמוּסִין **חָכְמוֹת און לְשׁוֹנוֹת.**

**בְּכֵן. אִיז שֵׁיין.** און סֶע אִיז דֶער דֶרֶךְ אֶרֶץ אַז דוּ זָאלְסְט אִים קֶענֶען **עֶנְטְפֶערִין.** אִיבֶּער דֶעם אִיז **רֶעכְט** אַז אִיךְ זָאל דִיךְ אוֹיס **לֶערְנֶען חָכְמוֹת און לְשׁוֹנוֹת.** אִיז דָאס **גִיפֶעלִין** דֶעם **תָּם.**

**הָאט עֶר זִיךְ** מְיַישֵּׁב **גִיוֶוען.** וָואס אַיירְט עֶס מִיךְ אַז אִיךְ וֶועל מִיךְ לֶערְנֶען חָכְמוֹת און לְשׁוֹנוֹת. הָאט עֶר זִיךְ גִילֶערִינְט און הָאט מְקַבֵּל גִיוֶוען חָכְמוֹת און לְשׁוֹנוֹת.

**אִיז אִים** תֵּיכֶף גִיקוּמֶען אוֹיף דֶעם זִין דֶער חָכָם זַיין חָבֵר הָאט אִים גִיזָאגְט. אַז סֶע אִיז נִיט גִימָאלְט בְּשׁוּם אוֹפֶן. אַז עֶר זָאל קוּמֶען אוֹיף זַיין חָכְמָה. **הָאט בִּין אִיךְ שׁוֹין גִיקוּמֶען אוֹיף זַיין חָכְמָה.** (און פוּן דֶעסְט וֶועגְן כָאטְשֶׁע עֶר הָאט שׁוֹין גִיוואוּסְט חָכְמוֹת. הָאט עֶר גָאר נִט גִינוּצְט מִיט דִי חָכְמוֹת. נָאר עֶר הָאט זִיךְ גִיפִירְט מִיט זַיין תְּמִימוּת אַזוֹי וִוי פְרִיר).

**דֶער נָאךְ** הָאט דֶער מֶלֶךְ גִישִׁיקְט. אַז דֶער **תָּם** דֶער גוּבִּירְנִיר זָאל צוּ אִים קוּמֶען. אִיז עֶר צוּ אִים גִיפָארִין.

**הָאט דֶער מֶלֶךְ** פְרִיר גִישְׁמוּסְט מִיט דֶעם **תָּם** פוּן דֶעם פִּירִיכְץ פוּן דֶער מְדִינָה. **אִיז עֶר דֶעם מֶלֶךְ זֵייעֶר וואוֹיל גִיפֶעלִין.** וָוארִין דֶער מֶלֶךְ הָאט גִיזֶעהְן. **אַז עֶר פִירְט מִיט יוֹשֶׁר און מִיט גְרוֹיס אֶמֶת אָן אַ שׁוּם עַוְלָה און גָאר אָן פַאלְטְשְׁקֵייט.**

**נָאךְ דֶעם. הָאט דֶער מֶלֶךְ** אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּסְן **חָכְמוֹת און לְשׁוֹנוֹת.** הָאט אִים דֶער **תָּם גִיעֶנְטְפֶערְט** אַזוֹי וִוי מֶען **בַּאדַארְף. אִיז דָאס דֶעם מֶלֶךְ נָאךְ בֶּעסֶער גִיפֶעלִין.** דֶער מֶלֶךְ הָאט גִיזָאגְט. **אִיךְ זֶעה.** אַז עֶר אִיז אַזוֹי **אַ חָכָם און פִירְט זִיךְ פָּארְט** מִיט אַזוֹי **אַ תְּמִימוּת.** אִיז עֶר **דֶעם מֶלֶךְ זֵייעֶר וואוֹיל גִיפֶעלִין.**

**הָאט דֶער מֶלֶךְ** אִים גִימַאכְט פַאר **אַ מִינִיסְטֶער** אִיבֶּער אַלֶע **מִינִיסְטֶארִיס.** און דֶער מֶלֶךְ הָאט גִיהֵייסְן מֶע זָאל אִים אָפְּגֶעבִּין אַ בַּאזוּנְדֶערֶע שְׁטָאט וָואס דָארְט זָאל עֶר זִיצְן. און הָאט גִיהֵייסְן אַז מֶען זָאל אִים אוֹיסְמוֹיעֶרְן זֵייעֶר שֵׁיינֶע מוֹיעֶרְן אַזוֹי וִוי סֶע קֶער צוּ זַיין. און הָאט אִים גִיגֶעבְּן אַכְּתָב אוֹיף דֶעם אַז עֶר זָאל זַיין **מִינִיסְטֶער.**

**אִיז אַזוֹי** גִיוֶוען מֶען הָאט אִים אוֹיס גִימוֹיעֶרְט זֵייעֶר וואוֹילֶע מוֹיעֶרְן שֵׁיינֶע. אִין דֶעם אוֹרְט וָואס דֶער מֶלֶךְ הָאט גִיהֵייסְן און עֶר הָאט אָפְּגִינוּמֶען **דִי גְדוּלָּה בְּתוֹקֶף.**

## דֶער חָכָם,

### אַז סֶע אִיז אִים אָן גִיקוּמֶען דֶער בְּרִיוו פוּן דֶעם מֶלֶךְ,

**הָאט עֶר** גִיעֶנְטְפֶערְט צוּ דֶעם חָכָם וָואס עֶר הָאט גִיבְּרַאכְט דֶעם בְּרִיוו. וַוארְט. און נֶעכְטִיג דָא אִיבֶּער. וֶועלְין מִיר אִיבֶּער שְׁמוּסִין. און מִיר וֶועלְין זִיךְ מְיַישֵּׁב זַיין. אוֹיף דֶער נַאכְט הָאט עֶר גִימַאכְט אוֹיף אִים אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה. אִין דֶעם עֶסְן הָאט **דֶער חָכָם** (דֶער חָבֵר פוּן דֶעם תָּם) אָן גִיהוֹיבְּן צוּ קְלוּגְן און צוּ קְלֶערִין מִיט זַיין חָכְמָה און זַיין פִילוֹסָפְיָא.

**און הָאט זִיךְ** אָן גִירוּפְן און הָאט גִיזָאגְט. וָואס קָאן דָאס בַּאטַייטִין. וָואס אַזוֹי אַ מֶלֶךְ זָאל שִׁיקִין נָאךְ אַזוֹי אַ קְלֵיינֶעם מֶענְשׁ וִוי אִיךְ בִּין. וָואס בִּין אִיךְ עֶס. אַז דֶער מֶלֶךְ זָאל שִׁיקִין נָאךְ מִיר. וָואס טַייטְשׁ. **אַזוֹי אַ גְרוֹיסֶער מֶלֶךְ** וָואס עֶר הָאט אַזוֹי אַ מֶמְשָׁלָה און אַזוֹי אַ גְדוּלָּה. און אִיךְ אַזוֹי קְלֵיין וִוי אִיךְ בִּין אַ קֶעגְן אַזוֹי אַ גְרוֹיסֶען מֶלֶךְ. נָא וִוי גִישִׁיקְט זִיךְ דָאס אִין שֵׂכֶל אַז אַזוֹי **אַ מֶלֶךְ זָאל שִׁיקְן נָאךְ מִיר.**

**אִיךְ** זָאל זָאגְן מַחְמַת מַיין חָכְמָה. **הָאט עֶר נָאךְ** מִיר **גִישִׁיקְט.** וָואס טְרֶעף אִיךְ אָן אַקֶעגְן דֶעם מֶלֶךְ. **הָאט דֶען דֶער מֶלֶךְ קֵיין חֲכָמִים נִיט.** און דֶער מֶלֶךְ אַלֵיין אִיז זִיךְ אוֹיךְ בְּוַודַּאי אַ גְרוֹיסֶער חָכָם. און וָואס אִיז דָאס. אַז דֶער מֶלֶךְ זָאל נָאךְ מִיר שִׁיקְן. און עֶר הָאט זִיךְ דְרוֹיף **זֵייעֶר זֵייעֶר פַארְוואוּנְדֶערְט.**

# דעם רבינ'ס מעשיות



נאמען ____________________

טעלפון ____________________

שטאט ____________________

# בחינה אויף ספורי מעשיות

## די ניינטע מעשה (3) - פונעם חכם מיטן תם

**א. וואס איז געווען א וואונדער ביים מלך?**

- ☐ אז עס איז דא אסאך מענטשן אין זיין מדינה.
- ☐ אז די צוויי מענטשן האבן אזעלכע נעמען "חכם און תם".
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ב. וועמען האט דער מלך געשיקט צו רופן דער תם?**

- ☐ א תם.
- ☐ דער ממונה איבער די אוצרות.
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ג. דער מלך האט באפוילן אז דער חכם און תם זאלן קומען צו אים אדער נישט?**

- ☐ דער מלך האט שטרענג באפוילן זיי זאלן קומען.
- ☐ דער זאך ווענדעט זיך לויט זייער ווילן.
- ☐ פארן חכם האט ער שטרענג באפוילן צו קומען צו אים, און פארן תם נאר אויב ער וויל.

**ד. וואס האט מען געזאגט פארן גאבירניר אויפן חכם?**

- ☐ אז ער איז א ווילדער חכם און א גרויסער עושר.
- ☐ אז ער איז א ווילדער חכם און א גרויסער דאקטער.
- ☐ אז ער איז א גרויסער תלמיד חכם

**ה. וואס האט דער תם געזאגט ווען דער שליח פון קעניג איז געקומען?**

- ☐ ער האט געזאגט צו זיין ווייב "דער מלך האט נאך מיר געשיקט".
- ☐ געפרעגט נאר אן ליצנות.
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ו. וועלכע נאך שליחות האט דער קעניג געשיקט צום תם?**

- ☐ ער האט אים געשיקט א קאנווערט מיט געלט.
- ☐ ער זאל ווערן א גאבירניר.
- ☐ ער זאל שנעל קומען צום קעניג'ס פאלאץ.

**ז. ווי אזוי האט דעם תם באקומען אביסל פארשטאנד?**

- ☐ ווייל ער האט אנגעהויבן צו לערנען חכמות.
- ☐ וויל זיין חבר דער חכם האט עם אויס געלערנט.
- ☐ ווייל זיין מזל האט זיך אים שוין אויף געהויבן, און מזל מאכט קלוג.

**ח. ווי אזוי האט דער תם געפירט די מדינה?**

- ☐ מיט תמימות, מיט אמת און מיט יושר.
- ☐ מיט חכמה און מיט גלוגשאפט.
- ☐ מיט ישוב הדעת.

**ט. האט די מדינה ליב געהאט דער תם?**

- ☐ זיי האבן אים ליב געהאט.
- ☐ זיי האבן אים פיינט געהאט.
- ☐ זיי האבן אים זייער ליב געהאט.

**י. האט דער תם געלערנט צום סוף חכמות?**

- ☐ יא.
- ☐ ניין.
- ☐ ער האט געלערנט נאר לשונות און חכמות.

**יא. פאר וואס איז זייער געפעלן דער תם פארן מלך?**

- ☐ ווייל ער פירט מיט גרויס אמת אן א קיין שום עוולה
- ☐ ווייל ער איז א חכם, און פירט זיך מיט תמימות.
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**יב. וואס האט דער מלך געמאכט פארן תם?**

- ☐ פאר א שר האוצרות.
- ☐ ער האט איבער געגעבן זיין פלאץ.
- ☐ פאר א מיניסטער איבער אלע מיניסטעריס.

**יג. וואס האט דער מלך געהייסן מען זאל בויען פארן תם?**

- ☐ מען זאל אים בויען א שיינע פאלאץ.
- ☐ מען זאל אים בויען א פריוואטע שטוב.
- ☐ מען זאל אויסמויערן זייער שיינע מויערן.

**יד. וואס האט דער חכם געזאגט פארן שליח פון מלך ווען ער האט אים געברענגט דאס בריוו?**

- ☐ מיט א שמחה וועל איך שוין ארויס גיין צום מלך.
- ☐ וויז מיר אויף אז דער מלך האט געבעטן איך זאל קומען.
- ☐ווארט און נעכטיג דא איבער.

**טו. וואס האט דער חכם געזאגט פארן שליח פון מלך ביי די סעודה פאר נאכט ?**

- ☐ וואס אזוי א מלך זאל שיקין נאך אזא קליין מענטש ווי איך.
- ☐ וואס אזוי א מלך זאל שיקין נאך אזא חכם ווי איך.
- ☐ וואס אזוי א מלך זאל שיקין נאך אזא עושר ווי איך.

**טז. וואס לערנסטו זיך דערוויל פון די מעשה?**

- ☐ אז ווען דער מלך רופט קומט מען גלייך.
- ☐ ווען דער מלך רופט קומט מען נאר מיט ישוב הדעת.
- ☐ ______________________.

## איז ער דעם מלך זייער וואויל געפעלין - מיט אסאך הצלחה!!!

די סיפורי מעשיות וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט זענען קודש קדשים, זיין כוונה איז געווען אונז צו אויפוועקן פון טיפן שלאף, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אז "די סיפורי מעשיות זענען מסוגל צו אויפוועקן פון שלאף.

דער הייליגער רבי האט געזאגט אז אין יעדע ווארט פון די הייליגע מעשיות זענען באהאלטן סודות התורה, און אפילו א פשוטער מענטש וואס וועט עס לערנען, קען ארויס נעמען פון דעם מוסר און התעוררות צו השם יתברך.

דעם רבינ'ס ליכט

בס"ד

# מעשיות
דעם רבינ'ס



שם ________________

טלפון ________________

עיר ________________

# מבחן בספורי מעשיות

## מעשה ט' (3) - מחכם ותם

**א. מה היה פלא בעיני המלך ?**
- ❑ שיש כ"כ הרבה אנשים במדינות שלו.
- ❑ שאלו הב' מכונים בשם חכם ותם.
- ❑ שתי התשובות נכונות.

**ב. את מי שלח המלך לקרוא לתם אליו?**
- ❑ איש תם.
- ❑ הממונה על האוצרות.
- ❑ שתי התשובות נכונות.

**ג. המלך צוה לחכם ולתם שיבואו אליו או לא?**
- ❑ צוה אליהם בתוקף שיבואו אליו.
- ❑ הדבר תלוי ברצונם, אם הם רוצים.
- ❑ לחכם צוה בתוקף, ולתם רק אם הוא רוצה.

**ד. מה אמרו לגאבירניר (מושל) על החכם?**
- ❑ שהוא חכם מופלג ועשיר גדול.
- ❑ שהוא חכם מופלג ורופא גדול.
- ❑ שהוא תלמיד חכם מופלג.

**ה. מה אמר התם כשהגיע השליח בשם המלך ?**
- ❑ אמר לאשתו שהמלך שלח בשבילי.
- ❑ שאל, רק בלי ליצנות.
- ❑ שתי התשובות נכונות.

**ו. איזה עוד שליחות שלח המלך לתם?**
- ❑ שלח לו מעטפה עם ממון.
- ❑ שהוא יהיה גאבירניר.
- ❑ שיבוא מהר לארמון המלך.

**ז. איך נהיה התם קצת בר הבנה?**
- ❑ כי הוא התחיל ללמוד חכמות.
- ❑ כי חברו החכם לימד אותו חכמות.
- ❑ כי נתרומם מזלו ומזל מחכים.

**ח. איך הנהיג התם את המדינה ?**
- ❑ בתמימות, באמת וביושר.
- ❑ בחכמה ובתבונה.
- ❑ בישוב הדעת.

**ט. האם המדינה אהבו את התם (הגאבירניר) ?**
- ❑ אהבו אותו.
- ❑ שנאו אותו.
- ❑ אהבו אותו מאוד.

**י. התם למד בסוף חכמות ולשונות?**
- ❑ כן.
- ❑ לא.
- ❑ למד רק לשונות בלי חכמות.

**יא. למה הוטב התם בעיני המלך מאוד מאוד?**
- ❑ כי הוא מתנהג ביושר ואמת גדול.
- ❑ כי הוא מתנהג בתמימות על אף שהוא חכם.
- ❑ שתי התשובות נכונות.

**יב. לְמַה מִנָּה המלך את התם ?**
- ❑ לשר האוצר.
- ❑ לממלא מקומו.
- ❑ מיניסטיר על כל המיניסטריש.

**יג. מה צוה המלך שיבנו לתם אחרי התמנותו?**
- ❑ לבנות לו ארמון מפואר.
- ❑ לבנות לו בית פרטי גדול ומושקע.
- ❑ לבנות לו חומות נאות ומפארות כראוי.

**יד. מה אמר החכם לשליח מהמלך מיד כשהגיע ?**
- ❑ בשמחה אני מיד יוצא למלך.
- ❑ תוכיח לי שהמלך ביקש שאני אגיע.
- ❑ המתן ולין פה ונדבר ונתיישב.

**טו. מה אמר החכם לשליח בסעודה שעשה בערב ?**
- ❑ מה זאת שהמלך ישלח עבור שפל כמוני.
- ❑ מה זאת שהמלך ישלח עבור חכם כמוני.
- ❑ מה זאת שהמלך ישלח עבור עשיר כמוני.

**טז. מה אתה לומד מהסיפור בינתיים?**
- ❑ שכשהמלך קורא, מיד מגיעים.
- ❑ שכשהמלך קורא, מגיעים רק בישוב הדעת.
- ❑ ______________________.

## וְהוּטַב בְּעֵינֵי הַמֶּלֶךְ מְאֹד מְאֹד - בהצלחה!!!

ספורי מעשיות שסיפר רבינו הקדוש הם קודש קדשים וכונתו ז"ל הייתה כדי לעורר אותנו משנתינו הרוחנית, וללמד אותנו דעת ודרך ישרה לעבודת השם יתברך בהתעוררות הלב, כמו שאמר רבינו: ש"ספורי מעשיות שלו מסוגלים לעורר מהשינה", ולמען דעת אשר בכל תיבה ותיבה מאלו המעשיות טמונים סודות התורה טמירים ונעלמים, כנשמע מפיו הקדוש בעצמו, ואפילו איש פשוט אשר יקרא אותם יכול להוציא לעצמו מוסר והתעוררות להשם יתברך

להיכנס להגרלה ניתן לשלוח תשובות לפקס 15326519611 או ל: L3233287@gmail.com